**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/25/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 85 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן פאגעשריטענע 911**

***דיגיטאלע, אינטערנעט פראטאקאל-באזירטע קומענדיגע דור 911 וועט ערזעצן אנאלאג 911 אינפערסטראקטור, פארבעסערנדיג הצלחה און פארלעסליכקייט פון 911 סערוויס***

***אלע קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי וועלן באקומען וויניגסטנס 1 מיליאן דאלאר דורך נישט-פארמעסטנדע גרענט פראגראם***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז 85 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג איז פארטיילט געווארן פאר קאונטי שטאפל פריימערי פובליק זיכערהייט רעאקציע פונקטן (Public Safety Answering Points, PSAP) און פריימערי PSAP בעק-אפ צענטערן זיך צו צוגרייטן פאר די איינפירונג פון קומענדיגע דור 911 (Next Generation 911) אין 57 קאונטיס לענגאויס די סטעיט. די NG911 גרענט פראגראם איז ספעציפיש געאייגנט צו שטיצן געצייג צו באהאנדלען רופן צו אריינרעכענען אינטערפעיסעס און סאפטווער אפליקאציעס וועלכע זענען נויטיג פאר אגענטורן צו קענען באקומען און פראצעסירן אינצידענטן מיט די ציל פון פארמערן סטעיט-ברייטע פעהיגקייטן צו אננעמען NG911 רופן אין איינקלאנג מיט די נאציאנאלע עמערדשענסי נומער עסאוסיעישען ( National Emergency Number Association, NENA) i3 סטאנדארטן. אלע בארעכטיגטע קאונטיס האבן ערשט באקומען א סומע פון 1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג, און די פארבליבענע געלטער זענען פארטיילט געווארן באזירט אויף באפעלקערונג ציפערן.

"פובליק זיכערהייט איז מיין נומער איינס פריאריטעט, און דאס מיינט פארזיכערן אז מיר האבן אין פלאץ די טעכנעלאגיע און געצייג צו שטיצן אונזערע ערשטע רעספאנדער און זייערע שנעלע ראקציעס צו עמערדשענסי מצבים," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אינוועסטירונגען וועלן פארזיכערן אז אונזערע 911 סיסטעמען טוען ארבעטן ווירקזאם און עפישענט ווען סיי וועלכע ניו יארקער בעט פאר עמערדשענסי הילף אין זייער צייט פון נויט."

אין יאנואר, [האט גאווערנער Hochul (האקול) געשאנקען 55 מיליאן דאלאר איבער'ן סטעיט צו פארבעסערן עמערדשענסי קאמיוניקאציעס סיסטעמען](), אריינגערעכנט 10 מיליאן דאלאר וואס איז געשאנקען געווארן אונטער די פובליק זיכערהייט רעאקציע פונקטן גרענט פראגראם, וואס האט געשטיצט די אנטוויקלונג פון NG911 טעכנעלאגיעס און די גיאגראפישע אינפארמאציע סיסטעם (Geographic Information System, GIS) דאטא וואס פעלט זיך אויס פאר NG911.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישענער Jackie Bray (דשעקי ברעי) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) פארשטייט אז אונזערע 911 סיסטעמען זענען גאר וויכטיג אין די צייט פון סיי וועלכע עמערדשענסי, און די גרענט פינאנצירונג וועט העלפן ניו יארקער קאמיוניטיס לענגאויס דעם

סטעיט זיך צו צוגרייטן איינצופירן NG911. די פראפעסיאנעלן וועלכע ענטפערן עמערדשענסי רופן און שיקן אראפ עמערדשענסי רעספאנדער זענען אונזער ערשטע ליניע פון הילף, און די פינאנצירונג וועט העלפן צו זיי שטיצן מיט נייע געצייג און סאפטווער צו פארבעסערן זייערע מעגליכקייטן."

**ניו יארק סטעיט עסאוסיעישען פון קאונטיס (Association of Counties) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Stephen J. Acquario (סטעפען דשעי. עקוואריאו) האט געזאגט,** "די אריבערגאנג צו קומענדיגע דור 911 טעכנעלאגיע וועט שטארק פארבעסערן אונזערע קאונטיס' מעגליכקייט צו רעאגירן שנעלערהייט און ווירקזאמערהייט צו עמערדשענסיס. די 85 מיליאן דאלאר פארפליכטונג פארזיכערט אז ניו יארק'ס קאונטיס קענען אריינשטעלן די דיגיטאלע אינפערסטראקטור וואס פעלט זיך אויס צו פארבעסערן רעאקציע צייטן, פארבעסערן די פונקטליכקייט פון די לאקאציע פונעם רופער, און סוף כל סוף ראטעווען מער לעבנס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) אנגייענדע פירערשאפט מיט'ן צוגרייטן דעם סטעיט פאר די צוקונפט פון עמערדשענסי קאמיוניקאציעס."

די NG911 גרענטס וואס זענען היינט געשאנקען געווארן זענען:

| קאונטי | סומע געשאנקען | קאונטי | סומע געשאנקען |
|---|---|---|---|
| Albany | $1,639,396 | Oneida | $1,639,396 |
| Allegany | $1,266,796 | Onondaga | $1,639,396 |
| Broome | $1,639,396 | Ontario | $1,515,197 |
| Cattaraugus | $1,515,197 | Orange | $1,639,396 |
| Cayuga | $1,515,197 | Orleans | $1,266,796 |
| Chautauqua | $1,515,197 | Oswego | $1,515,197 |
| Chemung | $1,515,197 | Otsego | $1,266,796 |
| Chenango | $1,266,796 | Putnam | $1,515,197 |
| Clinton | $1,515,197 | Rensselaer | $1,639,396 |
| Columbia | $1,515,197 | Rockland | $1,639,396 |
| Cortland | $1,266,796 | Saratoga | $1,639,396 |
| Delaware | $1,266,796 | Schenectady | $1,639,396 |
| Dutchess | $1,639,396 | Schoharie | $1,266,796 |
| Erie | $1,937,477 | Schuyler | $1,266,796 |
| Essex | $1,266,796 | Seneca | $1,266,796 |
| Franklin | $1,266,796 | St. Lawrence | $1,515,197 |
| Fulton | $1,266,796 | Steuben | $1,515,197 |
| Genesee | $1,266,796 | Suffolk | $1,937,477 |
| Greene | $1,266,796 | Sullivan | $1,515,197 |
| Hamilton | $1,266,796 | Tioga | $1,266,796 |
| Herkimer | $1,515,197 | Tompkins | $1,515,197 |
| Jefferson | $1,515,197 | Ulster | $1,639,396 |
| Lewis | $1,266,796 | Warren | $1,515,197 |
| Livingston | $1,515,197 | Washington | $1,515,197 |
| Madison | $1,515,197 | Wayne | $1,515,197 |
| Monroe | $1,937,477 | Westchester | $1,937,477 |
| Montgomery | $1,266,796 | Wyoming | $1,266,796 |
| Nassau | $1,937,477 | Yates | $1,266,796 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | | $1,639,396 | Niagara |

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק פעידזש, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף X, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

באקומט לעבעדיגע עמערדזשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאון. טעקסט אייער קאונטי אדער בארא וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף dhses.ny.gov/emergency-alerts.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן